## די באַלאַדע פון דענווער סאַנאַטאָריום

(1934)

ניט יעזוס שטאַרבט עס צוגעקלאַפּט צום צלם,
ניט משה — אויף דער שוועל פון כנען־לאַנד,
נאָר נתן ניומאַן—הערט, איך וועל דערציילן—
אויף אַ פּראָסטן בעטל ביי אַ פּראָסטער וואַנט.

דערציילן איז אין אמתן ניטאָ וואָס, —
ווען יעדנס לעבן הייליק וואָלט געווען
ביים צווייטן מענטש—וואָלט אויך דער מלאך־המות
אין יעדנס לעבן הייליקייט געזען.

נאָר ווער האָלט הייליק היינט דעם מענטשנס לעבן,
דעם צער פון בלוט, פון גלידער און פון הויט? —
ווי קאָן מען אין לעגענדע היינט פאַרוועבן
אַן אומבאַקאַנטס איינעמס גלאַט אַ טויט?

אַ טויט פון איינעם ניט קיין העלד, קיין גואל,
אַ טויט פון איינעם גלאַט אַ מענטש אַזוי,
וואָס ליגט ניט אין קיין צוגעדעקטן אוהל,
נאָר אויף אַ קרקע אונטער דענווער־שניי.

איך זאָג: מען האָלט ניט היינט דאָס לעבן הייליק,
ס'איז ערגער נאָך: — מען טרעט עס מיט די פיס;
איעדער, ווער עס קאָן, טראָגט צו זיין חלק, —
און ווער האָט ניט קיין פיס, קיין ביקס, קיין שפּיז?

פונדעסטוועגן, מיין האַרץ, ניט הער אויף גלייבן, —
און זאָל איך גלייבן אויפגיין אויך מיין ליד, —
אַז דער, וואָס איז אין אמתן דערהייבן,
פאַלט כורעים פאַר איעדנס מינדסטן גליד.

ער ציילט מיט שרעק דעם צווייטנס פיבער־פּולסן,
און מעסט זיין היץ, און קושט זיין קראַנקן שלייף,
און פאַלט אַליין אַריין אין טויט־קאַנוואַלסן,
ווען זייגער־ווייזערל צעיאָגט זיך אין געלויף.

דאָס ווייזערל פון זייגער נעמט דאָן קלאַפּן
מיט דונער פון אַ טעטיקן וואולקאַן;
אַ קליינע טרער — מען קאָן זי קוים פאַרכאַפּן —
צעטראָגט זיך מיט געברויז פון אָקעאַן.



## לידער פון גן־עדן
### 1940·1937

### צווייטער טייל

געשמידט צום בעט—ביז איינמאָל זיך געשליידערט
אין לופט און אין חלומות אויפגעברענט,
ביז וואַנען ער האָט זיך דערפילט געלייטערט,
און יעז געזאָגט צו זיינע שטילע ווענט.

זיין יעז האָט אויסגעדריקט אַ סך באַטייטן:
— כ'בעט אַן. — — ס'איז גוט. — — איך שמייכל צו.
די וועלט איז דאָ. דאָס צימער האָט פיר זייטן.
און דאָקטאָר זאָגט: דער גאַט פון וועלט איז רו.

די זון גייט אויף אַקוראַט אַנטקעגן פענצטער,
די זון פאַרגייט אַקוראַט אַנטקעגן טיר;
דער טאָג דער לענגסטער, און דער טאָג דער קלענסטער
אין פולן קרייז אַרום די ווענט די פיר.

זיין יעז מיינט אויך: אי גאווה, אי הכנעה,
און פולער איבעררייס מיט יענער זייט.
מיט די וואָס האַלטן אין איין מאָרדן שעה'ן,
מיט די, וואָס לינטשן נאָכאַנאַנד די צייט.

דאָס ליד פון צייט ווערט הייליק אויסגעזונגען
ערשט דאָ אין קעניגרייך פון טובערקול;
דורך פלייטן—קעמערלעך־געוועב פון לונגען—
סעקונדן דינסטע ווערן אויסגעאָטעמט פול.

דער איבעררייס מיינט נאָר מיט וועלט פון גופן,
נאָר ניט מיט וועלט פון אויסגעטרוימטן גייסט;
די קאַמף־מאַרטירער—יענע טויט ער רופן,
און אָט־אַ, דוכט זיך אים, ער נעמט און שפּרייזט.

ער שפּרייזט אַנטקעגן זיי. ער פליסטערט ווערטער,
די הענט מיט ליבשאַפט נעמען זיי אַרום;
נאָר ניין.—פאַרווערט. ער מוז אַ ניט־דערהערטער
אַנידערלייגן זיך צוריק און שמייכלען שטום.

ער שמייכלט שטום. ס'איז גוט אַזוי צו שמייכלען.—
אַ גרויסע וועלט: אַ שראַנקל מיט אַ שלאָס.
אַ טישל. אויפן טישל אַ פּאָר ביכלעך.
אַ פיבערמעסטער און אַ פלאַש און גלאָז.



אַ זייגערל. אַ פען. — — זיין גוטע שוועסטער
זי האָט אים אַ מתּנה דאָס געשיקט.—
ער שרייבט איר בריוו מיט אותיות מיט פעסטע,
ער האָט הנאה ווען די אותיות ער דריקט.

ער האָט זי ליב.—ער גלעט דאָס ציפערבלעטל,—
און זי האָט אים נאָך מערער, מערער ליב.—
און נאָך איינע איז דאָ.—ער נעמט פּאַפּיר אַ בלעטל,
און ס'יאָמערט־אויף אַ ציטעריק געשריב.

יאָ, נאָך איינע איז דאָ. נאָר ניט קיין שוועסטער.
דאָס הייסט—אַ שוועסטער און נאָך עפּעס מער;
איר לעצטן בריוו צו זיינע ליפּן פרעסט ער,—
זי האָט אים ליב און ער האָט ליב נאָך מער.

ער שרייבט:—„איך וואַרט אויף דיר שוין לאַנג זאָלסט קומען,
„און מאָרגן קומסטו מיט דער באַן אַהער,
„דערפאַר אין אייל האָב איך די פען גענומען,
„און לאָז דיר וויסן:—קום צו מיר ניט מער.

„זאָלסט קיינמאָל מער צו מיר ניט קומען,
„אפילו ניט צו זאָגן מיר אַדיע,
„מיין נאָמען רייס אַרונטער פון דיין גומען,
„ווייל איך האָב שוין צום טויט געזאָגט מיין יע.

„פאַרגעס מיך. איך פאַרזאָג. כ'בין גוזר.
„איך דריק צוזאַמען אַלע מיינע ציין,
„דאָס מיינט ניט, אַז איך רעד צו דיר מיט בייזער,
„פאַרקערט. אַ מילדקייט זינגט אין מיין געביין.

„איך האָב דיך ליב. דערפאַר דאַרף איך צערייסן
„איעדן בונד וואָס בינדט דיך צו מיר צו,
„און איך וועל שנעלער דאַמאָלסט קאָנען שפּריזן
„צום ציל, וואָס ליגט איך ווייס שוין קלאָר אַוואו.

„צופוסנס פון די ראָקיס שנייבאַצירטע —
„אַזאַ בית־עולמל, אַ קינדערשער כמעט;—
„אַ ערד אַ זויבערע, אַ ניט־גערירטע,
„אַ ערד אַ יום־טובדיקע, ווי אַ פרילינג־בלאַט.

„איך ראַנגל זיך מיט זיך שוין יאָרן, יאָרן
„צו קאָנען אָנגעמען אַט דעם באַשלוס;
„איך נעם אים אָן איצט, ניט ווייל כ'בין געוואָרן
„אַזאַ מין שטאַרקער, נאָר דערפאַר ווייל כ'מת.

„איך קוק אין טיפעניש פון פּיין און ליידן,
„און כ'דאַרף אַרונטערגיין צום סאַמע דעק;
„פאַרהיט איך דיך פון קומען מיך באַגלייטן,
„דערנאָך מיך איבערלאָזן און צוריק אַוועק.

„ביסט יונג. בעהערסט דער גאָרער וועלט דער גרויסער,
„גיי לעב, און נעם פון אַלץ מיט פולער מאָס; —
„עס שיקן גרוסן דיר פון ליבשאַפט הייסער
„מיין פלאַש, מיין זייגערל, מיין פען, מיין גלאָז. — —"

פאַרקלעפּט. אַ קלונג. די נוירס אַריינגעקומען.
— איך בעט אייך, שיקט אַוועק דאָס בריוול שוין.—
די נוירס איז שטענדיק גוט צו נתן ניומאַן,—
זי נעמט דעם בריוו און לאָזט זיך גיין.

— „אַ רגע וואַרט!—אַ. ניין, מען דאַרף ניט וואַרטן,
ס'איז גוט אַזוי. איך בעט אייך, שיקט אַוועק. — —"
די נוירס גייט.— פון ניומאַנס האַלדז צעשפּאַרטן
נעמט שטראָמען רויטס אויף קישנס ווייסער דעק.

די נוירס איז דאָ צוריק אויף רוף פון גלעקל.
זי ברענגט אים הילף, שטעלט אָפּ דעם שטורץ פון בלוט.
ער ליגט. די הענט צעשפּרייט. אַ האַנט—אַ שטעקל,
נאָר אויפן מויל אַ גוטער שמייכל רוט.

ער פרעגט: „אַוועקגעשיקט?"—זי ענטפערט: „זיכער,
נאָר רעדט ניט, ליבער, מער".—ער פאַלגט, ער ליגט.
אַלץ נעמט זיך דרייען פלוצלונג גיכער, גיכער,
און ווי אַ הוידלקע אַרויף־אַראָפּ צעוויגט.

דאָס הוידען שטעלט זיך אָפּ. ער אָטעמט גרינגער.
די נוירס מיט שוועסטערלעכקייט דעקט אים איין;
זי גלעט אים איבערן קאָפּ מיט הייסע פינגער,
ער אָטעמט איד באַריד אין לונג אַריין.



זי גייט אַרויס. אין זעליקייט ער דרעמלט.
אים חלומט זיך:—ער זעט אַ ליכט אין וואַנט.
דאָס ליכט באַוועגט זיך, טאַנצט און שפּרינגט צעפּלעמלט;
און זעט: ס'איז גאָר אַן אַדערדיקע מענער־האַנט!

אַ מענער־האַנט?—פיליכט די האַנט פון שכן,
פון איבער דער וואַנט,—דער ידישער פּאַעט?—
נאָר ווי אַזוי איז האַנט אַדורכגעקראָכן
דורך וואַנט, און אַט דערלאַנגט זי שוין זיין בעט? — —

— — אַ מאָדנער מענטש דער שכן,—וויל ניט ליגן.
ער שליידערט זיך אַרום ווי אין אַ צעל;
ער טראָגט אין זיך אַ גלגול פון אַ ניגון,
און זוכט אַ תיקון אויף אַ בלוטיק שוועל. — —

דער שכן דאָ, באַזוכנדיק אים נעכטן,
גערעדט פון היינעס און שפּינאָזעס טויט;
צי קומט איצט ניט זיין האַנט צוזאַמענפלעכטן
דעם טויט פון אַלע אין איין וואונדער־קייט? —

אַ גוט איז אים געווען זיך צו דערוויסן,
אַז היינע איז געלעגן יאָרן אַכט,
און שטאַרק געקעמפט די אויגן ניט פאַרשליסן,
ביז וואַנען ער האָט פאַרט זיי צוגעמאַכט.

און נאָך מער גוט איז אים געווען צו הערן,
אַז אויך שפּינאָזע איז געלעגן קראַנק,
און אויסגעפירט, דער טויט אַליין זאָל ווערן
אַ ליבשאַפט־אויסשטראַלונג פון גאָטס געדאַנק.

און זע,—אַזאַ מין וואונדערלעכער ציטער:
אין דענוועד ליגט דאָך דוד עדעלשטאַט! —
צו היינע און שפּינאָזע זיין אַ דריטער
האָט ווער שוין ווען אַ זכיה דען געהאַט?

ער שמייכלט ווידער אויף.—אַזאַ מין העזה,
(ער גיט דערביי אַ פאַל צום ברעג פון בעט)
צו גלייכן זיך צום געטלעכן שפּינאָזע,
צו היינע דעם ראָמאַנטישן פּאָעט.

דערפאַר אָבער מיט וואַרעמקייט אינטימער
באַגריסט אים דוד עדעלשטאַטס געזיכט.—
און אַמאָל איז ווידער אויף די ווענט פון צימער
די האַנט. די האַנט.—זי צייכנט אַ געדיכט:

— „אַ, גוטע פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָגט צו צום קבר די רויטע פאָן,
די רויטע פאָן מיט די העלע פאַרבן,
באַשפּריצט מיט בלוט פון אַרבעטסמאַן.—“

„— צו זינגען פאַרן טויט איז גוט אוודאי,
נאָר מיר אַזוינס, דו זעסט, איז נים באַשערט:
נאָר יאָ באַשערט, אַז ערד פון קאָלאָראַדאָ
דורך דיר, פּאָעט, זאָל ווערן אייגן ערד.

אַ, גוטע פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָגט אויך צו מיין קבר די רויטע פאָן — — —“
און ניומאַן פלוצלונג פילט באַריר פון שאַרבן
און פייקלדיקע שריט פון צאָן אויף צאָן.

אין ניומאַנס האַלדז גיט עפּעס זיך אַ גאַרגל
און פאַלט צוריק אַרונטער מיט אַ שלונג. — — — —
אַזוי האָט אין אַ ליכטיקן פרימאָרגן
זיך אָנגעהייבן ניומאַנס לעצטע וואַנדערונג.

*

דער שכן — דאָס בין איך. דער גוטס ניומאַן
פאַרכאַפּט האָט מיך, אינגאַנצן צוגעשמידט
צום צימער זיינעם. ווי נאָר טאָג פלעגט קומען,
פלעג איך שוין אָפּהיטן דער נוירסעס טריט.

צו אָפּנעמען אַ גרוס, זיך קוים דערוואַרטן
אויף איר פאַרבייגעזאָג: ער איז נאָך דאָ—
איר קול, דער שטענדיק אויפמערקזאַמער, צאַרטער,
פלעגט אָפּהילכן מיט גזר אין פריער שעה.

ס'איז קלאָר געווען: די טעג זיינען געציילטע,
און אפשר שוין די לעצטע שעה קומט אויף:
נאָר כוחות וואונדערלעכע, אויסדערוויילטע,
פון ערגעץ פלעגן צושטראָמען צו ניומאַנס גוף.



זיי שטראָמען צו. ער טוט אַ הייב די ברעמען,
אויף ביידע ליפּן לייגט זיך אויס אַ שיין.
ס'גאַנצע געזיכט אַ קלוגשאַפט טוט פאַרנעמען,
אין לונג אַ נייער אָטעם קומט אַריין.

ער ליגט און הערט דאָס צוקלאַפּן פון טירן,
און ציילט די שטראַלן פון פרימאָרגן־שיין;
ער וויל נאָר איינס: ס'באַוואוסטזיין נים פאַרלירן,
ביז סאַמע סוף אַ האַפערדיקער זיין.

ווי נאָר איך טרעט די שוועל צו אים אַריבער,
אַזוי דערשפּירט ער גלייך און זאָגט: האַלאָ,
און שמייכלט־צו דערביי: „בין היינט אַ גיבור,
„צוריקגעשטויסן אויף אַ שפּאַן די לעצטע שעה.

„ניט האַלט מיך אָפּ פון רעדן. גוט צו רעדן,
„צו הערן זיך אַליין אין דער מינוט;
„מען דאַרף זיך זעגענען, מען דאַרף זיך שיידן,
„און אפשר אַזאַ געזעגענונג איז אויכעט גוט.

„איך וויל נאָך אָט וואָס פאַרן טויט פאַרכאַפּן:
„מיט אַלע מאַרכן טראַכטן וועגן גוף,
„באַוואונדערן פון אייגענע ציין דאָס קלאַפּן,
„דאָס וואַקסן פון אַ שטערנבערעם אַרויף.

„אַ, קיינער ווייסט דאָך ניט, וואָס מיינט אַ פינגער!
„אַ זעט, ווי וואונדערלעך אַ נאָגל איז:
„זיי גרויס עס איז אין האַלדז דער גס פון שלינגער,
„און, הערט, ווי אייביק איז ס'געווייין פון פיס!

„ אַ מאָדנע זאַך: פון אַלע מענטשנס גלידער
„די פיס פאַרגייען שטענדיק אין געוויין,
„זיי ווערן קאַלט, זיי ווערן מיד און מידער; —
„נו זאָגט, וואוהין וועל איך פון דאַנען גיין? — —

„כ'וואָלט אָפּגעגעבן אַלץ, אַבי צו קענען
„אַן אויסגעגלייכטער זיצן כאָטש איין שעה,
„כדי צו זען דעם טויט זיך שטיל דערנעענען,
„און זאָגן רואיק: ס'איז קיין טויט ניטאָ.

„נאָר וואָס קאָן איך אָוועקגעבן צו וועמען ?
„דעם סכום פון מײַן פאַרמעג איר ווייסט דאָך קלאָר ;
„פונדעס טוועגן, איך בעט אײַך — היינט נאָך נעמען
„צו זיך אין צימער מײַנע זאַכעלעך די פּאָר.

„דאָס זייגערל און פּען שיקט אָפּ מײַן שוועסטער.—
„זי וועט ניט זען מיך מער.—אוודאי אַ פאַרדראָס.
„און אפשר גוט אַזוי. און אפשר בעסער.— — —
„און אײַך שענק איך אָוועק דאָס בוך און גלאָז.

„איר טראַכט מסתמא—וע, ער ציטערט שרעקלעך
„צו שטאַרבן ; זאָג איך אײַך, און גלייבט, אַז ניין.—
„כאָטש טייער זײַנען מיר די קליינע ברעקלעך,
„וואָס ס'פאַלן מיר צו פון לעבנס זאַטע ציין.

„בין מיד. כ'וועל אײַנדרעמלען. כ'וועל רוען.
„כ'וועל זען מײַן שוועסטערס טרויעריק געזיכט ;
„און איר, דערווײַלע, קוקט אין שויב ווי ס'גליען
„די ראָקי־בערג אין ווילבערדיקן ליכט".

ער קערט אַליין דעם קאָפּ אום צו די שויבן,
ער זעט די בערג. זיי האָבן אים דערקאַנט.
די ראָקי־בערג מיט ווייסע קעפּ געהייבן,
כאָטש ריר זיי אָן, זיי ווערן אַזוי נאָענט.

זיי שטייען אויסגעפּוצט אין העלע שנייען,
צונויפגעשמידט אין ברידערלעכער קייט,
און רויטע פליגלען איבער שפּיצן ווייען,
און ווערן ווילבערדיק אַליין, פאַרשנייט.

די העכסטע שפּיצן בייגן זיך אַריבער, —
כאָטש, דוכט זיך, גיבן זיי די קייט אַ ריס,
און נעמען שפּאַנען איבער טאָלן, גריבער
מיט מייליקע בראשיתדיקע פיס.

ער דרעמלט אײַן. איך זיץ. איך היט אים.
איך נעם אַרײַן אין זיך זײַן גאַנצן מהות.—
אַרויף—אַראָפּ צעשטורעמט זיך זײַן אָטעם,
צעכוואַליעט זיך, ווי אויפגעברויזטער פלוס.



זײַן קערפּער וואַרפט זיך. אַלע וועגנס זיך וואַקלען,
ווי פלאַצנדיקע דאַמבעס. טאָג־זון צינדט
פון שויב צו שויב רויט־פײַערדיקע פאַקלען,
און שלײַדערט זיי אַרום אין ווירבל־ווינט.

דער ווירבל־ווינט לאָזט נאָך. פון גיומאַנס שלייפן
אַ קאַלטער שווייס נעמט רינען טראָפּנווייז.
און בלויע צווייַ אַרומגעפּאַסטע רייפן
אַרום די אויגן טרעטן שאַרף אַרויס.

איך זיץ. איך היט. איך ווער אַליין פאַרשלונגען.
כ'ווער אויפגעלייזט אַליין אין סוד פון פּײַן,
אין סוד פון זען אַרויסהויכונג פון לונגען
דורך שויב דורך אָפענער אין זון אַרײַן.

איך זע עס קלאָר מיט מײַנע בײדע אויגן,
איך ווער אַליין אַ טייל פון אָט דעם הויך,
דאָס צימער ווערט ווי מיט אַ הויט פאַרצויגן,
און אָנגעפּילט מיט ברענעניש און רויך.

זײַן אָטעם פלאַמט. זײַן אָטעם שפּריצט מיט פונקען.
אויף ליפּן נעמען זידן בלעזלעך שוים ;
זײַן גאַנצער גוף, אין הינהער־פלעט פאַרזונקען,
נעמט ברענען ווי אין מיטן וואַלד אַ בוים.

ניט איין בוים ברענט. עס ברענען אַלע ביימער,
אַרומגעכאַפּט ווערט גאַנץ שפּיטאָל אין פלאַם ;
און איך בין ניט קיין שכן מער, קיין שומר,
נאָר אויך, ווי ער, אַ טייל פון פײַער־ים.

און אַלע זיי, די שכנים־פּאַציענטן,
זיי פלאַקערן אין שטורעם און אין שטורץ,
און זינגען דאָס געזאַנג צום טויט דערקענטן
מיט ווערטער אײַנגעהאַלטן—ווערטער קורץ.

און מיטאַמאָל פון שפּיצן ווערן פלאַכן,
די ראָקיס טליען אונטער שוואַרצן רויך ;
די פלאַמען—אויס. עס ווערן שטיל די קראַכן,
די ראָקיס לעשן זיך, און גיומאַן—אויך.

און נאָכמאָל געשעט: ער גיט אַ צאַפּל,
ער זעצט זיך כמעט אויף און שמייכלט אויף:
— איך בעט אייך, רופט די נוירס, איך וויל פאַרכאַפּן
אַרומוואַשן און אָנטאָן פריש מיין גוף.

די נוירס—זי קומט: האַלאָ, מיין ניומאַן ליבער.
זי טוט אים אויס, זי וואַשט אים זיין געביין;
זי לייגט אים אויף אַ זייט, זי קערט אים איבער,
און רייניקט אים די נעגל און די ציין.

די זון צעגיסט זיך איבער שטאַרע ריפּן
און דאַרנדיקע קני,—די זון שפּרינגט אָפּ.
נאָר הענט פון נוירס, ווי קושנדיקע ליפּן,
זיי נעמען אַלע אברים דורך פון פוס ביז קאָפּ.

זי וואַשט אים, ווי אַ הייבאַם באַדט אַן עופל,
אַן ערשט־אַרויסגעקומענעם פון מוטער־טראַכט;
זי טוט אים אָן אַ העמד, פאַרבינדט אויף שלייפל,
און שפּרייט די בעט אויס ווייס, אויף ניי געמאַכט.

זי ציט אים אויס, פאַרדעקט אים מיטן ליילעך,
דערלאַנגט אים צו די ליפּן אַ געטראַנק, —
און ניומאַן שפּאַסט: אַמאָל איז געווען אַ מלך,
געקיניגט זייער, זייער, זייער לאַנג.

די נוירס צעלאַכט זיך, וויזט אים מיטן פינגער
ער זאָל ניט רעדן. גייט אַרויס. און ער —
אַן אויפגעדרוימטער, אַ צעלויכטענער, אַ גרינגער,—
זאָגט:—שכן גוטער, כ'בעט אייך, קומט אַהער.

ער שטרעקט מיר אויס אַ האַנט אַן אויפגעקלעמטע,
איך זע—ער האַלט דאָס זייגערל, די פּען.—
„—האָב צוגעגרייט פאַר אייך,—איך בעט אייך, נעמט עס
„ווייל היינט וועט זיכער עפּעס וואָס געשען".

עס האָט געוויזט פון אים מיט ערב יום־טוב.
נאָר מיר האָבן זיך אַ בראָך געטאָן די קני,—
ניט נעמען—וואָלט עס מיינען צער אים אָנטאָן,
און כ'האָב אין שרעק מיין האַנט געטאָן אַ צי.



נאָר דאָ האָט זיין האַנט זיך פאַרדרייט אין פלאַנטער,
און ער האָט דורך די ציין געטאָן אַ זאָג:
— כ'וועל מאָרגן אייך דאָס געבן, האָ, וואָס זאָגט איר?
זאָל ליגן עס ביי מיר דאָ נאָך אַ טאָג. — —

— געוויס, געוויס, — האָב איך געזאָגט פאַרלאָרן,—
זאָל ליגן מער נאָך ווי אַ טאָג ביי אייך,—וואָס הייסט?—
נאָר מיינע ווערטער האָבן אויפגעוועקט נאָר צאָרן,
ווייל ס'האָט געוויזט פון זיי מיט פאַלשער טרייסט.

די אויגן האָבן אים גענומען ברענען,
און ס'האָט פון זיי מיט וואָוט געטאָן אַ שלאָג:
„—איך בין גענוג נאָך שטאַלץ אין זיך צו קענען
„ניט בעטלען קיין נדבה:—נאָך אַ טאָג.

„וואָס מיינט איר—מער? וואָס מיינט איר—ליגן?
„צי רעכנט איר, אַז שטאַרבן איז מיר שווער?— —"
און אַלע מיינע רייד אים איינשטילן, פאַרוויגן,
זיי האָבן אויפגערייצט זיין שטאָלץ נאָך מער.

נאָר גלייך איז ער צוריק צו זיך געקומען,
און קינדיש־ווייך געזאָגט: „איך בעט, פאַרגיט,—
„זאָל בלייבן אין זכרון ביי אייך, אַז ניומאַן
„האָט פאַרן טויט זיין שטאָלץ דאָך יאָ פאַרהיט.

„שפּינאָזע, האָף איך, וועט אויף מיר ניט בייז זיין
„פאַר צולאָזן אַ כעס איצט אין האַרץ אַריין;
„ניט יעדער פאַרן טויט, ווי ער, קאָן גרויס זיין,
„נאָר רייך און ווירדיק קאָן יעדער זיין.

„און איצט נעמט טאַקע צו פון מיר די זאַכן,
„זיך אָפּבינדן פון זיי מיינט איצט אַ סך:
„איך וועל די אויגן מיינע ניט פאַרמאַכן,
„בין וואַנען כ'וועל ניט פריי פון מינדסטער זאַך.

„און איר—מיין שוועסטער—זאָלט איר זאָגן,
„אַז נוירס האָט היינט מיך אויסגעבאָדן ריין,
„אַז מיינע האָר זיינען געווען פאַרצוואָגן,
„און זויבער מיינע נעגל און די ציין.

„און אַז איך האָב ביים שטאַרבן ניט געליטן,
„און אַז איך האָב געזען מיט אויגן קלאָר
„די זון אין הימל אויפן רעכטן מיטן,
„און אַלץ געווען איז ווייסע העלע וואָר. — —"

איך האָב דאָס ווייגערל און פען געהאַלטן
אין מיינע הענט, און צוגעקוקט, ווי ס'טראָגט
אַ לעצטער אָטעם זיך אין טאָג צעשטראַלטן,
און ס'ווייזערל — עס יאָגט, עס יאָגט, עס יאָגט. — —

*

אַ ניין, צען מאַן אין דעטוער טהרה־שטיבל,
אַ ניין צען מאַן ביי אָפּגעדעקטער גרוב,
אַ ברעטל מיט אַ נומער אויפגעשריבן —
אָט דאָס וועט זיין איצט ניומאַנס נייע שטוב.

אין שכנהשאַפט מיט עדעלשטאַטס מצבה,
אין זעלבער ריי, ניט וויט, אַ שפּאַנען צען;
מען האָט געשאָטן און פאַרשאָטן ניומאַנס קבר,
און איך בין אויך דערביי אַליין געווען.

דאָס אויג דערביי האָט זיך געקלאַמערט
אָן עדעלשטאַטס בירג־עולמשן גראַניט,
אויף דעם גראַניט זיין קאָפּ איז אויסגעהאַמערט,
און זיין באַגלייטנדע צוואה־ליד:

„אָ, גוטע פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן,
„טראָגט צו צום קבר די רויטע פאָן,
„די רויטע פאָן מיט די העלע פאַרבן,
„באַשפּריצט מיט בלוט פון אַרבעטסמאַן. — —"

מען גייט דערנאָך אוועק. מען לאָזט אַלץ איבער,
דעם יונגן קבר און דעם אַלט גראַניט,
מען גייט צוריק אין קעניגרייך פון פיבער,
אין מיטן העלן טאָג. און איך גיי מיט.

אַזאַ מין וואונדער־טאָג האָט ווען געזען ווער? —
אַחוץ די דהעלזעער די ניין, די צען,
צופוסנס פון די ראָקי־בערג פון דענווער,
האָט קיינער אַזאַ זעאונג ניט געזען.